בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וארא תשפ"ד שנה י | גליון מס' 516


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די 'נאקה' פון די אידן איז געווען פארוואס האבן זיי זיך נישט אליין דערוועקט צושרייען צו השי"ת

**"וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי"** (ו ה)

זאגט דער הייליגער ערבי נחל רבי דוד שלמה אייבשיץ:

ווען עס גייט פאר א מענטש גוט און עס פעלט אים גארנישט, וועט זיך ווייניג מאל טרעפן אז דער איד זאל זיך דערוועקן און זיך איינבעטן ביי הקב"ה אז עס זאל אים גיין גוט, ווייל עס גייט דאך אים גוט....

נאר ווען דער איד וועט האבן א צרה וועט ער זיך דערוועקן צו שרייען צו הקב"ה.

אבער ווען א מענטש דערוועקט זיך פון צרה, דארף ער ערשט תשובה האבן אז ער האט זיך נישט דערוועקט פאר די צרה איז געקומען.

עס קען זיין אז די בחינה איז אויך געווען ביי די אידן אין מצרים. די נאקה און ווייטאג פון די אידן איז געווען אז זיי האבן זיך נישט אליין דערוועקט צושרייען צו הקב"ה, נאר אז זיי האבן געדארפט האבן אז די מצרים זאלן זיי דערוועקן, אז זיי זאלן זיך דערוועקן צושרייען צו הקב"ה.

עס קען זיין אז די בחינה איז מרומז אין די ווערטער "נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" די נאקה פון כלל ישראל איז געווען: "אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם" אז די מצרים האבן זיי מעורר געווען - נישט אז זיי זענען אליין געווארן נתעורר צו שרייען צו השי"ת.

'ערבי נחל'

### א פרישער לשון פון תפילה

**"וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אָנֹכִי אֲשַׁלַּח אֶתְכֶם וּזְבַחְתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם בַּמִּדְבָּר רַק הַרְחֵק לֹא תַרְחִיקוּ לָלֶכֶת הַעְתִּירוּ בַּעֲדִי"** (ח כד)

אויף די ווערטער "הַעְתִּירוּ בַּעֲדִי" טייטש דער תרגום אונקלוס "צלו **אף** עלי", אז פרעה האט געבעטן אז מען זאל מתפלל זיין אויך אויף אים אליין.

דער אמרי אמת האט געגעבן צו פארשטיין וואס דא שטייט:

מיר ווייסן אז חז"ל האבן אונז אויסגעלערנט אז עס איז דא צען לשונות פון תפילה (דב"ר ב א).

דער חידושי הרי"ם איז מבאר אז די צען לשונות זענען קעגן די צען מכות וואס הקב"ה האט געשלאגן די מצרים. ער געט צו פארשטיין אז די מצרים האבן אראפגעברענגט אויף די וועלט אזא טומאה, אז די טומאה האט געשטערט פאר א איד צו דאווענען, אבער ווען מען האט מכניע געווען די טומאה, האט שוין דער איד געקענט דאווענען און אזוי ווי יעדע מכה האט מער מכניע געווען די כוחות הטומאה, איז נאך יעדע מכה באשאפן געווארן א פרישע לשון פון תפלה.

פרעה האט דאס געוואוסט און וועגן דעם האט ער געבעטן פון כלל ישראל אז זיי זאלן אים ארייננלייגן אין זייערע תפילות.

עס איז נישט ווי עס איז דער פשוטער פשט אז ווען ער האט געבעטן "הַעְתִּירוּ בַּעֲדִי" אז מען זאל בעטן פאר אים נאר ער האט געזאגט פאר'ן כלל ישראל אז ווען איר דאווענט פאר ענק, זאלט איר נוצן די לשונות התפילה וואס איז נתחדש געווארן יעצט און אויך ארייננעמען מיר אין די תפילה.

אמרי הרי"מ; 'אמרי אמת' תרצ"א

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די ברכה פון 'ברוך מתיר אסורים'

צווישן די ברכת השחר וואס חז"ל האבן מתקן געווען אז יעדער איד זאל מאכן יעדן טאג ציילט זיך די ברכה פון 'ברוך מתיר אסורים'.

יעדן אינדערפרי ווען מיר דאנקען הקב"ה אז ער האט אונז אויפגעבינדן, ווייל ווען א מענטש שלאפט ביינאכט איז ער צוגעגליכענט צו אן ארעסטאנט. אזוי ווי דער ארעסטאנט ווען מען בינדט אים צו די הענט און די פוס איז ער א געבינדענער, איז דער מענטש ווען ער שלאפט, די מענטשליכע באוועגונג מיט די הענט און די פוס איז געבינדן.

די ברכה שטאמט פון דער פסוק אין תהלים [תהלים קמו.ז] ה' מתיר אסורים און מען האט עס באשטימט צו זאגן צוליב די ענליכע מצב אין וואס מיר געפינען זיך יעדע נאכט.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז חז"ל האבן געהאט א באזונדערע כוונה מיט'ן מתקן זיין די ברכה פון 'מתיר אסורים' יעדן אינדערפרי, ווייל מיט'ן מתקן זיין די ברכה וועט א מענטש פארשטיין אויף צוריקצוועגס די מצב וואס ער איז אריבער יעדע נאכט. אויבנאויף וועט א מענטש נישט אנקוקן די נאכט שלאף ווי ער איז א געבינדענער אין תפיסה, ער שפירט זיך נישט ביינאכט ווי א געבינדענער, אבער דאס טאקע האבן חז"ל געוואלט אויסדרוקן באשטימענדיג אז מען זאל מאכן אזא ברכה, די חכמים האבן געוואלט אז מען זאל וויסן אז בעצם איז מען ביינאכט יא א געבינדענער, די הענט און די פוס זענען געבינדן און ווען נישט אז הקב"ה זאל אונז געבן די מעגליכקייט אז מען זאל זיך קענען באוועגן אינדערפרי וואלטן מיר זיך נישט געקענט באוועגן, נאר מיר וואלטן געבליבן פאלאזירט, ווי א פאלאזירטער מענטש.

דער געדאנק דארף אונז באגלייטן אין די דאזיגע טעג ווען כלל ישראל ווייטאגט מיט די שיקזאל פון הונדערטע אידן וואס זענען נעבעך אין געפענגעניש ביי א פינסטערע און א ברוטאלע פיינט. עס איז אונזער פליכט אז מיר זאלן זיך מתבונן זיין אין זייער שיקזאל און דאנקען השי"ת אויף די פרייהייט וואס מיר האבן און איינוועגס בעטן און מתפלל זיין פאר אונזערע ברודער וואס געפינען זיך אין געפענגעניש אז זיי זאלן ארויסגיין פריי און אויך זוכה זיין צו מאכן די ברכה פון 'מתיר אסורים'.

אין די ברכה פון מתיר אסורים גייט אויך אריין די קראנקע, אויך זיי זענען נעבעך געבינדענע און אויך אויף זיי דארף מען מתפלל זיין און אינזינען.

עס קען זיין אז וועגן דעם האבן חז"ל סומך געווען ביי די ברכה די צוויי, די 'רופא חולים ומתיר אסורים', ווייל זיי האבן אין זיך א שטארקע ענדליכקייט,ביידע זענען געבינדן.

נאך דעם וואס מיר פארשטיין שוין די טיפע שבח וואס ליגט אין די ברכה איז זיכער אז דער 'אמן' אויף די ברכה דארף צו זיין מיט א שטארקע כוונה.

מען קען צולייגן אז אמן איז ראשי תיבות פון דער פסוק אין תהלים [ב.ג] ננתקה את מוסרותימו' וואס איז אויך א רמז אויף דער דערמאנטער ענין פון אויפבינדן כלל ישראל פון איר געבינדענקייטן.

יהי רצון אז בזכות וואס מיר וועלן זיך שטארקן אין עניית אמן וועלן זיך בקרוב זוכה זיין צו די נבואה פון "ושבו בנים לגבולם" (ירמיהו לא טז), אמן ואמן.

**מיט א געבעט און א ווינטש פון "ננתקה את מוסרותימו"**
**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — 'כי מלאכיו יצוה לך לשמרך' —

עס איז געווען א פרייטאג נאכמיטאג אין די די שטאט פאריז ווען שמעון, א פרומער ערליכער איד, האט זיך געגרייט צו פארלאזן זיין ארבעט און זיך גיין גרייטן צום שבת המלכה.

גלייך נאך שבת האט ער אנגעקלינגען א שוואגער און אים געבעטן אז ער זאל אים צופירן צו יענער ארט. ווען זיין שוואגער האט געהערט פון וועלכע געגענט מען רעדט האט ער אנגעקוקט די זאך פארלוירן אבער צו די בקשות פון זיין שוואגער האט ער אים נישט געקענט אפזאגן און אינאיינעם זענען זיי אראפגעפארן צו די ארט.


די טרעפיק פארקער אין פאריז

א שטיק צייט פריער האט שמעון געהאט אפגעמאכט ביי זיך אז פרייטאג נאך חצות גייט ער נישט ארבעטן. ער האט מודיע געווען זיין באס איבער זיין החלטה און זיין באס, א פראנצויזישער גוי, האט עס אנגענומען.

אויך יענער פרייטאג האט זיך שמעון געגרייט צו פארלאזן דעם אפיס, אבער דער באס האט אים געלאזט רופן און געזאגט אז זינט ער איז אים שולדיג געלט פון א געשעפט וואס ער האט לעצטענס אויסגעפירט, וויל ער זיך אויסקומען מיט אים און אים באצאלן.

ווען שמעון האט געהערט וואס זיין באס וויל פון אים האט זיך אנגעהויבן ביי אים אן אינערליכער געראנגעל. פון איין זייט האט ער געוואלט אפזאגן זיין באס וויסנדיג אז דאס וועט אריינציען שפעטער ווי חצות וואס איז קעגן זיין פרינציפ, אבער פון צווייטן זייט האט ער נישט געוואלט ארויסלאזן אזא געלעגענהייט פון די הײנט. נאך אסאך וואקלענישן האט ער זיך זעלבסט איבערגעצייגט אז אזוי ווי עס איז נישט קיין ארבעט, נאר אפנעמען געלט, גייט עס נישט אריין אין כלל און ער מעג יא בלייבן.

די באס האט אים צוגעזאגט אפצוהאלטן די באגעגעניש גלייך איינסע אבער למעשה האט זיך עס פארשלעפט און ווען ער האט געענדיגט די פארהאנדלונג איז שוין געווען האלב פיר נאכמיטאג.

עס איז געווען שפעט אבער עס איז נאך אלץ געווען גענוג און נאך צייט צו קענען אנקומען אין שטוב מאכנדיג א חשבון אז שבת גייט אריין ניין אזייגער ביינאכט.

צופרידענערהייט, אז ער האט היינט געלעזט א שיינע סומע, האט ער זיך אריינגעזעצט אין די קאר און אנגעהויבן ארויספארן אין ריכטונג פון זיין שטוב, אבער אונטערוועגנס האט פאסירט א שרעקעדיגע עקסידענט און ער האט זיך געטראפן שטעקן אין טרעפיק.

ווען עס האט אנגעהויבן ווערן עכטיג שפעט האט שמעון איינגעזען אז ער האט נישט קיין אנדערע ברירה, ער וועט מוזן איבערלאזן דא די קאר און אהיימגיין צופוס.

שמעון האט אויסגעזוכט א גוטער ווינקל וואו ער קען דא איבערלאזן די קאר אבער דא איז אים אקעגן געקומען דער געדאנק אז דער געגענט וואו ער געפינט זיך אצינד איז א געגענט וואס איז פול מיט פאברעכער און רויבער. אז ער וועט דא איבערלאזן די קאר, קען ער זיך מייאש זיין פון דעם.

ער האט געהאט דארט אסאך געלט און אויך פון די געלט וועט ער זיך מוזן שיידן, שמעון האט איינגעזען אז דאס איז א נסיון פון הימל און מען לערנט אים א לעקציע, אז א קבלה דארף מען איינהאלטן.

אויפ'ן ארט האט ער זיך פארגענומען אז פון היינט וועט ער ערליך איינהאלטן די קבלה און אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל זאגנדיג אז פון היינט און ווייטער וועט ער גוט איינהאלטן די קבלה און אז פון הימל זאל מען א שליח זאל אפהיטן זיינע זאכן.

ער האט זיך אראפגעבויגן און באהאלטן די געלט און די שליסלעך און זיך ארויסגעלאזט צופוס צו זיין שטוב.

נאר עלף אזייגער ביינאכט איז ער אנגעקומען אין שטוב. די משפחה איז געווען זייער באזארגט פאר אים אבער נאך ווען אלעס האט זיך אויסגעקלארט האט ער זיך בארואיגט.

די שבת איז אריבער געהויבן. אגאנצער שבת האט שמעון פראבירט אוועקצושטופן די דאגות און האפן אז זאכן האבן זיך אויסגעלאזט גוט.

גלייך נאך שבת האט ער אנגעקלינגען א שוואגער און אים געבעטן אז ער זאל אים צופירן צו יענער ארט. ווען זיין שוואגער האט געהערט פון וועלכע געגענט מען רעדט האט ער אנגעקוקט די זאך פארלוירן אבער צו די בקשות פון זיין שוואגער האט ער אים נישט געקענט אפזאגן און אינאיינעם זענען זיי אראפגעפארן צו די ארט.

אנקומענדיג אהין האט ער געזען ווי די קאר שטייט דארט אומבארירט. ער האט זיך געוואונדערט וואס איז דער באדייט אבער פרייליך אז אלעס דארט איז ער צוגעגאנגען צו דעם ארט וואו ער האט אוועקגעלייגט די שליסל און ארויסגענומען פון דארט די שליסל און די געלט.

אין יענע רגע זענען ארויפגעטאנצן אויף אים צוויי געהיימע פאליצי לייט.

נאך דעם וואס עס איז קלאר געווארן אז עס איז זיין קאר און פארוואס ער האט דא פארקירט, האבן זיי אים דערציילט די גאנצע געשעעניש, אז זעענדיג די קאר שטיין דא, האבן זיי פארדעכטיגט אז זיכער האט דא עפעס פאסירט, אז עס איז אן אונטערגעשטעלטער אפאראציע און באשלאסן צו אבזערווירן וואס עס גייט דא זיין.

די תפלה פון שמעון און זיין קבלה טובה איז געהערט געווארן פון הימל.

'שש באמרתך' פרשת שלח, עמ' רסג

## — דער דין פון מפסיק זיין אינמיטן דאווענען צו ענטפערן 'אמן' —

### ביי פסוקי דזמרה

**ווען איינער שטייט און דאווענט און הערט אן אמן דארף ער בוחן זיין צי דער פלאץ וואו ער שטייט צי מען מעג מפסיק זיין און ענטפערן אן אמן צי נישט.**

**ווי למשל וואס טוט זיך ווען א איד האלט אינמיטן פסוקי דזמרה קען ער ענטפערן אמן צי נישט? עס ווענט זיך ווענדן - אויב וועט ער הערן די ברכה ווען ער שטייט צווישן צוויי פסוקים אדער אינמיטן א פסוק - וואו עס ענדיגט זיך אן ענין, מעג ער ענטפערן אמן[1]. אבער אויב האלט ער אינמיטן א ענין זאל ער נישט מפסיק זיין אינדערמיט אויסער פאר אמן פון הא-ל הקודש אדער פון שומע תפלה[2], אדער צו ענטפערן די אמן נאך די ערשטע חלק פון קדיש ביז 'דאמירן בעלמא'[3] אבער נאך די הוספות צו קדיש ווי 'תתקבל' אדער נאך 'על ישראל' אדער נאך 'יהא שלמא' אדער 'עושה שלום' זאל ער נישט ענטפערן קיין אמן, אפילו אז ער האלט ביי בין הפרקים [4]. עס איז אבער דא וואס זאגן אז נאך 'תתקבל' און נאך 'ועל ישראל' זאל מען יא נאכזאגן אמן[5].**

1. פון ווען א מענטש זאגט "ברוך שאמר" טאר ער נישט מפסיק זיין בדבור, אויך נישט אויף א דבר מצוה. (שו"ע ורמ"א או"ח נא ד). אין דעם כלל גייט אויך אריין ענטפערט "ברוך הוא וברוך שמו" ('שו"ע הרב' קכד ח; 'משנה ברורה' נא ח). אבער די פוסקים שרייבן ('קשר גודל' [לחיד"א] ז לד; 'שו"ע הרב' שם ה; 'פרי מגדים' א"א נא ג, בדעת ה'מגן אברהם'; 'כף החיים' שם כא) אז אמן מעג מען יא זאגן, ווייל אמן איז א שבח און ווייל מען האלט דאך אינמיטן זאגן פסוקי דזמרה מעג מען זאגן א שבח און עס הייסט נישט קיין הפסק. [ זעה אין פמ"ג (א"א נא ג) אז ער שרייבט אז אפילו נאך א ברכה וואס האט אין דעם שאילת צרכיו, מעג מען ענטפערן און מען זאל אינזינען האבן ביי איר "יהי רצון שיתקיימו דברי המברך" ווייל אויך דאס ווערט גערעכענט פאר א שבח]. דער בן איש חי' (פר' ויגש אות י) ברענגט אראפ ביי דעם די ווערטער פון דער 'שער הכונות' (ענין ברכות השחר) אז דער אר"י האט זיך נוהג געווען צו ענטפערן אמן נאך די וואס מאכן א ברכה אין שול, אויך ווען ער האט געהאלטן אימיטן פסוקי דזמרה. פונדעסטוועגן שרייבט דער 'קצות השלחן' (יח ב) טז ווער עס ענטפערט אמן אינמיטן א פסוק זאל צוריקגיין און זאגן פון אנהייב דער פסוק, אבער אין חיי אדם' שרייבט ער (כ ג) אז אינמיטן א פסוק פון פסוקי דזמרה זאל ער ענטפערן אמן נאר אויב ער שטייט ביי א פלאץ וואו עס איז דא א הפסק הענין און אזוי פסק'נט אויך דער משנה ברורה (שם. און זעה וואס עס שרייבט דער 'ביאור הלכה' דארט).

אבער מען האט נישט מתיר געווען צו ענטפערן אויף אן אמן אינמיטן פסוקי דזמרה, נאר אויף אן אמן וואס עס איז א חובה נאכצוזאגן, ווי א ברכה וואס עס האט אין זיך שם און מלכות אדער נאך קדיש, אבער אן אמן וואס איז נישט קיין חובה, ווי נאך א ברכה וואס האט נישט קיין שם ומלכות אדער א יהי רצון, ווי די יהי רצון וואס מען זאגט שני וחמישי, אדער נאך א א מי שברך האט מען נישט מתיר געווען נאך צו זאגן. ('דרך החיים' דין פסוקי דזמרה, סעיף ג; 'פסקי תשובות' נא יא; 'נוטרי אמן' ח"ב פ"כ סעיף טו).

2. אין ירושלמי (ברכות ד ו) ווערט געברענגט אז די אמן נאך "הא-ל הקודש" און נאך "שומע תפילה" האט א באזונדערע חשיבות. דער בית יוסף' (או"ח סו) ברענגט אראם בשם דער מהר"י אבוהב אז די סיבה פארוואס די ברכות זענען חשובע'ר ווי די אנדערע ברכות איז ווייל מיט די ברכות איז מען מסיים די חלקים פון די שמונה עשרה. מיט די ברכה פו ה-קל הקדוש איז מען מסיים די חלק השבח פון די תפילה און מיט די ברכה פון "שומע תפילה" ענדיגט מען צו דער חלק התפלה פון די בקשות.

דער רמ"א אויפ'ן ארט (שם ג) פסק'נט ווי דער ירושלמי אבער דער 'בית יוסף' (שם) קריגט זיך און האלט אז ווייל די הלכה ווערט נישט אראפגעברענגט אין תלמיד בבלי פירט מען זיך נישט אזוי. לויט דער בית יוסף איז דער אמן נאך די ברכה ווי אלע ברכות און עס וועט אויסקומען לויטו די דערמאנטע שאלה צי מען זאל מפסיק זיין וועגן איר אינמיטן פסוקי דזמרה. דער ביאור הלכה [נא. ד] זאגט אז לויט דער רמ"א דארף מען מפסיק זיין פאר די ברכות פון פסוקי דזמרה, אויך ווען מען האלט אינמיטן אן ענין.

אבער מען דארף געדענקען אז אויך לויט דער בן איש חי (פר' שמות אות ו) און דער 'כף החיים' (שם כג) אז די אמן'ס נאך די ברכות איז ווי אלע אנדערע אמן'ס, וועט מען מעג'ן ענטפערן אויף אלע אמן'ס אינמיטן פסוקי דזמרה, ווי געשמועסט אין די פריערדיגע נושא.

3. זעה 'משנה ברורה' (נא ח); און אין 'שער הציון' (שם יב) און און אין 'ביאור הלכה' דארט. אין ספר 'אשי ישראל' (פרק טז הערה כג) ברענגט ער אראפ בשם הגרש"ז אויערבך אז אויך אויף די ערשטע חלק פון קדיש ווי נאך "ויקרב משיחיה" אדער נאך "בריך הוא" זאל ער נישט ענפערן ווייל די אמן נאך זיי איז נאר א מנהג, עס איז נישט מעיקר הדין. אבער דער 'בן איש חי' (פר' ויגש אות י) און דער 'כף החיים' שרייבן אז עס איז מותר צו ענטפערן אלף פינעף ערשטע אמנ'ס פון קדיש. אויך אין 'הליכות שלמה' (תפילה עמ' עט) שרייבט ער אז די מדקדקים וואס זענען מקפיד נישט צו זאגן וויניגער ווי פינף אמן'ס ביי א קדיש מעג'ן ענטפערן ביי פסוקי דזמרה אלע ערשטע פינף אמן'ס ביי קדיש.

לגבי ענטפערן בריך הוא אינמיטן פסוקי דזמרה זאגן אלע פוסקים אז מען זאל עס נישט ענטפערן, אויך נישט ווען עס איז דא א הפסק ענין זה דערוועגן שו"ת 'לבושי מרדכי' (או"ח תנינא סי' י), שו"ת 'אגרות משה' (או"ח ח"ב סוף סי' טז) ושו"ת 'ציץ אליעזר' (חי"א סי' ג).

4. דער בן איש חי' (פר' ויגש אות י) איז זיך מסתפק מיט'ן דין פון עניית אמן נאך די בקשות און קומט אן צו די מסקנא אז עס איז בעסער אז מען זאל עס נישט ענטפערן אינמיטן פסוקי דזמרה. די זעלבע פסק'נט אויך דער 'כף החיים' (שם כב). אבער אין ספר 'אשי ישראל' (שם) ברענגט ער אראפ בשם הגרש"ז אויערבאך אז מען זאל נישט נאכזאגן קיין אמן נאך די חלקים, ווייל עס איז נישט קיין חיוב צו זאגן.

5. שו"ת 'אגרות משה' (או"ח ח"ד סי' יד

## אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די חשובע מערכת פון 'וכל מאמינים'

ערשטענס וויל איך אויסדרוקן מיין שטארקע שעצונג פאר די חשובע גליון. איך האב זייער שטארקע הנאה פון דעם גליון און א באזונדערע הנאה האב איך פון דער 'דרך אמונים' אפטיילונג, וואו עס ווערט אויסגעשמועסט אלע שיינע הלכות בנוגע די הלכות פון ענטפערן אמן.

איך האב געוואלט צולייגן צו די געדאנק וואס איז געווארן אראפגעברענגט אין דער מדור פון 'דרך אמונים' אין דער גליון פון פרשת ויגש. דארטן איז געברענגט געווארן אז דער וואס מאכט הויך א ברכה איז זוכה צו העלפן אידן מיט דריי מצות וואס זענען מרומז אין דער אות מ'ם. די ערשטע איז 'משלים' אז ער איז משלים די ברכה, ווייל אמן איז א חלק פון די ברכה. די צווייטע זאך איז 'מזכה' ווייל ער איז מזכה די רבים. די דריטע זאך איז 'מקדש' אז ער איז מקדש שם שמים ברבים.

איך האב געקלערט צו צולייגן אז די דריי בחינות איז מרומז אין דער פיוט פון אין כאלקינו, ווייל כידוע איז 'אמן' מרומז אין אין כאלקינו.

די בחינה פון 'מקדש' איז מרומז אין דער אין כאלקינו - ווייל דאס האט אין זיך די בחינה פון קידוש ה', די צווייטע בחינה פון זיכוי הרבים איז מרומז אין דער 'מי' כאלקינו' ווייל עס איז בלשון שאלה, די דריטע בחינה פון שלימות איז מרומז אין דער 'נודה' לאלקינו, ווייל דאס איז מרמז אויף שלימות.

בברכה והוקרה
**ש.ח.פ. - בני ברק**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191

## שערי ישועה

### די סגולה פון ענטפערן אמן

# — דער 'אמן' וואס האט געעפענט די שערי גן עדן —

א טייערער איד איז ר' מרדכי. טאג טעגליך וועט ער אויפשטיין אינדערפרי און נאך א ווארעמע דאווענען און עטליכע שיעורי תורה, וועט ער זיך ארויסלאזן אויסצופירן זיין ארבעט.

פאר יארן לאנג דינט ר' מרדכי אלץ א דעליווערי מאן. זיין ארבעט איז נישט צו דעליווערן ארדערס וואס מען קויפט איין אין געשעפט, נאר אויסצופירן ספעציעלער שליחות'ער ווי אפטראגן טייערע בריוון, דאקומענטן, וועלכע מוז'ן נאך אנקומען צו זייער ציל אין דעם זעלבן טאג.

אויך יענעם אינדערפרי האט זיך ר' מרדכי געגרייט אויסצופירן זיין שליחות פון איין געגענט ביז צו איינער פון די פראמענאנטע בענק אין די שטאט תל אביב. די ארבעט האט געפאדערט אז ער זאל דערליווערן דער בריוו צו איין באשטימטער באאמטער אין דער באנק.

אנקומענדיג צו די באנק איז ער אריבער צו דער באאמטער, אבער דער באאמטער האט נישט געהאט קיין צייט צו אים, ער איז אין יענע שעה געווען פארנומען מיט א וויכטיגער טעלעפאן געשפרעך און געוויזן פאר ר' מרדכי ער זאל אים ווארטן א מינוט.

עס איז געווען א הייסער טאג אינדרויסן. ר' מרדכי איז געווען פארשוויצט און זעענדיג אז אין דער זייט שטייט א קראן מיט קאלטע וואסער האט ער זיך מכבד געווען מיט א גלאז קאלטע וואסער.

נאכ'ן אנפולן דער גלאז האט ער געמאכט א הויכע ברכה ברוך אתה... אבער נאך איידער ער האט געענדיגט די ברכה, האט אים איינער פון די באאמטער געוויזן ער זאל זיין שטיל.

"דא איז נישט קיין שול....". האט יענער אויסגעפירט.

דער צווייטער טייל פון די ברכה האט ר' מרדכי געמאכט שטיל און נאכ'ן איבערגעבן די דעליווערי האט ער פארלאזט דעם זאל פארגעסנדיג פון די געשיכטע.

א שטיק צייט שפעטער האט ער נאך אמאל געדארפט זיין אין יענער באנק און ער האט זיך נאך אמאל מכבד געווען מיט א גלאז וואסער אבער ער האט שוין געדענקט אז דא מאכט מען ברכות שטיל, ער האט אנגעהויבן מאכן א שטילע ברכה, ווען מיטאמאל טאנצט ארויס דער זעלבער באאמטער און האלט אים פאר.

"פארוואס מאכסטו שטילע ברכות?" האט יענער געוואלט וויסן.

יעצט איז שוין ר' מרדכי געווען צעמישט.

אבער דער באאמטער האט אים  נישט געלאזט לאנג אויסווארטן און אים מיטגעטיילט וואס עס גייט דא.

"וויסן זאלסטו". האט דער איד אים אנגעהויבן דערציילן מיט אראפגעלאזטע אויגן.

"אז טראץ וואס היינט זעה איך נישט אויס ווי א פרומער איד, בין איך געוואקסן אין א רעליגיעזער שטוב. מיט די יארן האב איך זיך ליידער דערווייטערט פון דעם אמת'ן וועג און זיך באזעצט אין די פרייע תל אביב".

"ווען איך בין געווען א קינד האט מיין מאמע אייביג אכטונג געגעבן אז איך זאל ענטפערן אמן, אבער פון ווען איך האב זיך דערווייטערט פון אידישקייט האב איך מער נישט געענטפערט קיין אמן'ס און לעצטער מאל ווען דו ביסט דא געווען האב איך געשריגן אויף דיר, אז דו זאלסט זיין שטיל און נישט מאכן א ברכה הויכערהייט".

די געשיכטע האט זיך נישט דא געענדיגט. יענער נאכט ווען איך האב זיך געלייגט שלאפן איז מיין מאמע מיר געקומען אין חלום. זי איז געווען זייער בייז אויף מיר. זי האט מיר געזאגט אז איך זאל וויסן אז איך פארשאף איר אסאך צער אויף יענע וועלט, אבער היינט האב איך איבערגעצויגן דעם שטריק'ל! פון הימל האט מען דיר מזמין געווען צו ענטפערן אן אמן. ווען דו וואלסט עס ווען געענטפערט און די ארומיגע וואלטן מיטגעענטפערט וואלט איך ארויף נאך א דרגה אין הימל, אבער ווייל דו האסט אים געשטערט, האב איך נישט געקענט ארויפגיין העכער.

"איך בעט דיר העלף מיר אז איך זאל קענען טון עפעס לעילו נשמה, איך קען נישט דערליידן דער געדאנק אז איך האב צוגעברענגט אז מיין מאמע זאל נישט קענען ארויפגיין א דרגה העכער אין הימל".

ר' מרדכי גערירט פון די מעשה, האט צוגעזאגט פאר דעם איד אז ער וועט טראכטן איבער געדאנקען. א שטיק צייט שפעטער האבן זיי טאקע אנגעהויבן קובע צו זיין געוויסע פאראייניגטע מעשים, אבער מער ווי אלעס איז ר' מרדכי ארויס פון די מוסר מיט א געוואלדיגע מוסר השכל איבער די גרויסע כח וואס ענטפערן אמן האט, אז עס עפענט אויף די טויערן פון גן עדן.

געהערט פון  דער בעל המעשה

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מצבה פון רב יעקב קטינא זצ"ל אין די שטאט חוסט

## רבי יעקב קטינא מחוסט

### ט' בשבט תר"נ

דער צדיק רבי יעקב קטינא איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי יצחק מרדכי קטינא אין די יארן צווישן  תק"ע - תק"פ. אין די יונגע יארן האט ער זוכה געווען זיך מסתופף צו זיין ביי די צדיקי הדור פון יענער דור ווי ביי דער צדיק הרה"ק רבי אשר ראפשיציער זי"ע, רבי יהודה צבי פון ראזלא זי"ע און דער הייליגער צאנזער רב זי"ע.

פאר פערציג יאר אין א ציה האט ער געדינט אלץ דיין אין די שטאט חוסט. דארטן איז ער אויך געשטאנען אין שפיץ פון א ישיבה און מרביץ תורה געווען ביי כלל ישראל. טראץ וואס ער איז געווען מפורסם אלץ אן איש קדוש און אלץ א גדול בתורה, האט ער זיך אלע יארן געפירט בענווה.

דער צעהלימער רב זצ"ל אין די הסכמה וואס ער געט אויף זיין ספר 'קרבן העני' דרוקט ער זיך אויס אויף אים און איבער זיין ענווה זייער שטארק, מיר ברענגען דא אראפ זיין לשון : "הגאון הצדיק חסידא ופרישא ענוותן כהלל, אשר היה נודע לכל באי שער עירו לאיש קדוש בעל מדרגה, וכל מעשיו לשם שמים".

אויסער די ספר 'קרבן העני' האט ער אויך ארויסגעגעבן א קליינער ספר מיט'ן נעמען 'רחמי האב' וואס באשטייט פון 58 פרקים פון מוסר און חסידות.

די ספר איז זייער באקאנט אין די וועלט און איז שוין געווארן מערערע מאל איבערגעדרוקט.

אין דעם טאג ט' שבט תר"ן איז ער נסתלק געווארן און ער ליגט אין די שטאט חוסט.

## די גרויסע בושה אויף יענער וועלט

אין ספר רחמי האב [אות נו] שרייבט רבי יעקב קטינא, אז ווייל דער ענטפערן אמן איז א גרינגע מצוה, עס פאדערט נישט קיין אנשטרענגונג, מוז עס יעדער איינהאלטן. ער געט צו פארשטיין אז אינדערצייט וואס איבער אנדערע מצוה'ס קען א מענטש האבן א תירוץ, אז עס איז אים אנגעקומען שווער עס איינצוהאלטן, וועט ער דא נישט האבן דא דעם תירוץ ווייל עס איז גרינג, עס קאסט נישט קיין געלט, עס איז נישט געבינדן מיט קיין שום טירחא און וואס וועט ער ענטפערן ביי די יום פקודה ווען מען וועט פרעגן פארוואס האט ער נישט מקיים געווען די מצוה.

ער ענדיגט צו אז די בושה אויף יענע וועלט איז מרומז אין דער פסוק פון תהלים [פג. יז]

"מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן" - ווייל די סופי תיבות פון דערווארט איז אמ"ן.